# הגרס לעצטע נאַכט ביַי אַבֿרמן

די שפֿחה הגר זיצט אין קיך,
אַ רויכיק לעמפּל ברענט
און שאָטנט סאַמע קעץ און מיַיז
אויף אַלע גראָע ווענט.

זי וויינט, סע האָט דער באַלעבאָס
איר היַינט געהייסן גיין.
„קליפּה, האָט ער איר געזאָגט,
דו טרעטסט מיד אָפּ צי ניין?"

סורטשע די פּושקע־גבאיטע
האָט אים שוין ווידער אָנגערעדט:
"אָדער דו טריַיבסט די דינסט אַרויס,
אַז נישט וויל איך אַ גט. „

און הגר נעמט פֿון קופֿערט אַרויס
אַ ביַיטשל קרעלן ווי בלוט,
אַ פֿאַרטעכל פֿון גרינעם זיַיד
און אַ שטרויענעם זומערהוט.

די זאַכן האָט ער איר געשענקט,
אַ מאָל ווען זיי זענען געגאַן
שפּאַצירן איבער דער לאָנקע,
דאָרט, וווּ עס גייט די באַן.

„אוי, אַזוי ווי אַ רויך פֿון אַ קוימען,
און אַזוי ווי אַ רויך פֿון אַ באַן,
אַזוי איז, מאַמע געטרײַע,
די ליבע פֿון אַ מאַן.

ווּ וועל איך מיך איצט אַהינטון
מיטן פּיצל קינד אויף די הענט?
סײַדן נעמען זײַן בענקאַרט
און גיין דינען אין דער פֿרעמד. ”

זי נעמט אין דער האַנט דעם בעזעם
און קערט צום לעצטן מאָל די שטוב
און עפּעס אונטער דער בלוזקע
פּילט, אַז ס׳האָט אים נאָך ליב.

זי וואַשט נאָך איין מאָל די טעלער
און שײַערט די קופּערנע פּאַן --
אַזוי ווי אַ רויך פֿון אַ קוימען
איז די ליבע פֿון אַ מאַן.